53) 24.10.79 — ליטעראַרישער אָוונט. יוסף קערלער לייענט זיין פּאָעזיע. אַריינפיר: י. מ. לעווין. פאָרזיצער: י. שער.

54) 28.10.79 — 5-טער רעפעראַט פון יוסף קערלער: „דער מאַסן-מאָרד פון דער יידישער קולטור אין סאָוויעטן-פאַרבאַנד. פאָרזיצער: ח. בראַון.

55) 28.10.79 — ישראל-פילם „לופאָ”.

56) 31.10.79 — 6-טער רעפעראַט פון יוסף קערלער: „די לעצטע באַגעגענישן מיט יידישע שרייבער-קדושים”.

57) 4.11.79 — געזעגענונגס-רעפעראַט פון י. קערלער: „דאָס צופּאַסן זיך פון די רוסיש-יידישע שרייבער אין מדינת-ישראל”. פאָרזיצער: י. שער. געזעגענונגס-וואָרט: י. אָרבאַך. י. קערלער געלייענט זיין פּאָעזיע. נאָכן רעפעראַט — אַ גלעזל טיי.

58) 4.11.79 — ישראל-פילם „לופאָ”.

59) 11.11.79 — ישראל-פילם „די מלכה פון שאַסיי”.

60) 18.11.79 — ישראל-פילם „די מלכה פון שאַסיי”.

61) 25.11.79 — יערלעכער קאָנצערט פון „הזמיר”-כאָר אין טעאַטער-זאַל אונטער דער לייטונג פון דיריגענט אַדריאַן באַרטאַק, מיט דער באַטייליקונג פון געסט-אַרטיסטן: דער אַנסאַמבל „יאַטראָס”, פידלער עפים סטעסין און סאָליסטן פון כאָר. פּיאַנאָ: מרים ראָכלין. באַגריסונג: י. אָרבאַך.

62) 2.12.79 — קאָנקורס פון יידישן און העברעאישן ליד, איינגעאָרדנט דורך דעם ברוך קאָלושינער אָנדענק-קאָמיטעט. עס באַטייליקן זיך קינדער אין עלטער 7—18 יאָר. באַגריסונג: יצחק קאַהאַן, קאָנפעראַנסיער: יאַשאַ שער.

63) 12.12.79 — ישראל-פילם „די מלכה פון שאַסיי”.

64) 9.12.79 — ישראל-פילם „דער פּאָליציאַנט”.

65) 15.12.79 — פייערלעכער אָפּשלוס פון קולטור-סעזאָן. אין פּראָגראַם: אָפיציעלער טייל — י אָרבאַך, י. שער; שרה געצאָף (גאַסט פון אַמעריקע) אד"ט: „די פאַרלעגער — אַ שפּיגל פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור”. פּ. רינגעלבלום: „צוזאַמענטרעפן מיט יידן אין אייראָפּע און אַזיע”. קינסטלערישער טייל: סילוויא פּאָרטעק, וואָלאָדימיר מישקין, מרים ראָכלין און יוגנטלעכע — געווינער פון קאָלושינער-קאָנקורס. געדעקטע טישן.

66) 16.12.79 — ישראל-פילם „דער פּאָליציאַנט”.

28) 10.6.79 — ישראל-פילם „ערווינקאַ".
29) 10.6.79 — רעפעראַט פון דעם קינסטלער דוד טושינסקי אד"ט: „דער יידישער קינסטלער אין דער וועלט פון קונסט".
י. קאַהאַן האָט גערעדט וועגן דוד טושינסקי און זיין שאַפונג. פאָרזיצער: פּ. רינגעלבלום. נאָכן רעפעראַט — אַ גלעזל טיי.
30) 17.6.79 — ישראל-פילם „ערווינקאַ".
31) 24.6.79 — ישראל-פילם „ערווינקאַ".
32) 1.77.79 — ישראל-פילם „ערווינקאַ".
33) 1.7.79 — פייערלעכער קבלת-פנים פאַר די אַרטיסטן דבורה ראָזענבלום און נחום מעלניק, געסט פון אַמעריקע.
34) 8.7.79 — פרעמיערע פון דעם קאָנצערט „דורות דערציילן" — אַ פּראָגראַם פון וואָרט, ליד און טאַנץ, גענומען פון אונדזער קלאַסישער פאָלקס און מאָדערנער ליטעראַטור, אויסגעפירט פון דבורה ראָזענבלום און נחום מעלניק.
35) 15.7.79 — צווייטער קאָנצערט „דורות דערציילן".
36) 15.7.79 — אַן אָונט געווידמעט י. באַשעוויס-זינגער, איינגעאָרדנט אין בני-ברית מיט דער באַטייליקונג פון דער „קדימה". אונדזער רעדנער אין יידיש: מ. אייזענבוד; דאַניעל חר"ג — געלייענט אויסצוגן פון באַשעוויסעס שאַפונג.
37) 22.7.79 — ישראל-פילם „צוויי קוני לעמלס" לויט דעם אָריגינאַל פון א. גאָלדפאַדען.
39) 5.8.79 — ישראל-פילם „צוויי קוני לעמלס".
40) 11.8.79 — ערשטער קאָנצערט פון מייק בורשטין אין דאַלאַס ברוק זאַל, מיט נחמה פאַטקין און איר „טריאָ" אין באַגלייטונג.
41) 12.8.79 — 4 נ"מ און 8 אָונט — צווייטער און דריטער קאָנצערט פון מייק בורשטין אין „קדימה"-טעאַטער.
42) 19.8.79 — ישראל-פילם „צוויי קוני לעמלס".
43) 26.8.79 — קאָלעקטיווער אָונט מיט דער באַטייליקונג פון ש. ראָזענקראַנץ — „די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון ישראל"; מאַטילדאַ ענגעלמאַן — „פּערזענלעכע איבערלעבונגען בשעת דער נאַצי-אָקופּאַציע" (אין שייכות מיטן דערשיינען פון אירע צוויי ביכער). פאָרזיצער: י. אָרבאַך.
44) 26.8.79 — ישראל-פילם „צוויי קוני לעמלס".
45) 2.9.79 — ישראל-פילם „צוויי קוני לעמלס".
46) 9.9.79 — רעפעראַט פון איזי לייבלער אד"ט: „יידישע ישובים אין דער וועלט". פאָרזיצער: י. שער.
47) 9.9.79 — ישראל-פילם „צוויי קוני לעמלס".
48) 26.9.79 — קאָנפערענץ פאַר יידיש לויט דער איניציאַטיוו פון „קדימה" מיט דער באַטייליקונג פון קרובישע אינסטיטוציעס.
49) 14.10.79 — פייערלעכער קבלת-פנים פאַר דעם גאַסט-רעדנער יוסף קערלער און ערשטער רעפעראַט אד"ט: נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס-באַוועגונג פון די רוסישע יידן". פאָרזיצער: י. שער. באַגריסונג-רעדע: מ. אייזענבוד.

8) — פורים-אָוונט מיט דער באַטייליקונג פון: י. שער און י. אָרבאַך. אין אַרטיסטישן טייל: די זינגער פאַמיליע בורשטין, דער סקיפּ, יוגנט-גרופּע „פלאַמען״. געדעקטע טישן.

9) 11.3.79 — ישראל-פילם „ס׳וועט זיין גוט״.

10) 18.3.79 — 4 נ״מ, ישראל-פילם „ס׳וועט זיין גוט״.

11) 18.3.79 — קאָנצערט פון דער וואָקאַל-אינסטרומענטאַלער גרופּע „פלאַמען״ אין „קדימה״-טעאַטער מיט דער באַטייליקונג פון געסט-אַרטיסטן פייגע מאָקאַטאָוו און בלעכער. קאָנפעראַנסיער: חנה מראָצקי.

12) 25.3.79 — ישראל-פילם „ס׳וועט זיין גוט״.

13) 1.4.79 ישראל-פילם „ס׳וועט זיין גוט״.

14) 4.4.79 — 67-טע יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „קדימה״ אונטערן פאָרזיץ פון פּרעזידענט ב. ווינער.

15) 8.4.79 — ישראל-פילם „ ׳וועט זיין גוט״.

16) 15.4.79 — ישראל-פילם „ס׳וועט זיין גוט״.

17) 22.4.79 — 4 נ״מ פילמען פון דער חורבן-תקופה.

18) 23.4.79 — טרויער-אַקאַדעמיע צום 36-טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ אין מעלבורנער טאַון-האָל. רעדנער: יידיש, דוב שילאַנסקי, פון ישראל; שמואל ראָזענקראַנץ, פאָרזיצער פון ציוניסטישן ראַט אין וויקטאָריע. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: דער קינדער-כאָר פון דער הר-הצופים שול, „הזמיר״-כאָר ביי דער „קדימה״, שילער שלום-עליכם-שול, „הר-הצופים״ שול, ביאַליק-שול און ישיבה. די געטאָ-אַקאַדעמיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן „באָרד אָף דעפּיוטיס״, ציוניסטישן ראַט, יידישער קולטור צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה״ און פאַרבאַנד פון פּאַרטיזאַנער און קאַצעטלער.
מיטן אָנטייל פון אַן ערך 40 קינסטלער, אויסשטעלנדיק 185 עקספּאָנאַטן.

19) 29.4.79 — עפענונג פון דער דריטער יערלעכער קונסט-אויסשטעלונג

20) 29.4.79 — ישראל-פילם „ס׳וועט זיין גוט״.

21) 6.5.79 — רעפעראַט פון דוב שילאַנסקי, גאַסט-רעדנער אויף דער געטאָ-אַקאַדעמיע, אין „קדימה״, אד״ט: ישראל, דער צענטער פון יידישער עקזיסטענץ. פאָרזיצער: יאַשאַ שער.

22) 6.5.79 — ישראל-פילם „ס׳וועט זיין גוט״.

23) 6.5.79 — דער אָפּשלוס פון דער דריטער קונסט-אויסשטעלונג.

24) 20.5.79 — פּרעמיערע פון ישראל-פילם „ערווינקאָ״ מיט חיים טאָפּאָל אין דער הויפּט-ראָל.

25) 2.5.79 קאָלעקטיווער ליטעראַרישער אָוונט „40 יאָר יידישע ליטעראַטור״ פ. גאָלדהאַר, י. ראַפּאָפּאָרט, ה. בערגנער) און „50 יאָר יידישע פּרעסע״.
רעדנער: י. קאַהאַן, מ. אייזענבוד, ס. בורשטין. י. שער האָט געלייענט ה. מונצס אַרבעט וועגן פּ. גאָלדהאַר; י. מ. לעווין האָט גערעדט וועגן דעם נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם קולטור-טוער ה. מונץ.
פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

26) 27.5.79 — ישראל-פילם „ערווינקאָ״.

27) 3.6.79 — ישראל-פילם „ערווינקאָ״.

דער אַנדערער נייער פּראָגראַם אין יידיש איז פֿאַר שולן און קינדער־גערטנער, וועלכן עס גרייטן און באַטייליקן זיך רעגולער די לערער: מירע זילבערמאַן, חנה מראָצקי און פּ. רינגעלבלום. אָפּט ווערן אויך געניצט שטימען פון קינדער און יוגנטלעכע. דער גאַנצער פּראָגראַם ווערט רעגולער רעקאָרדירט אין די יידישע שולן און שפּעטער גענוצט לויט זייער געברויך, אין די קלאַסן ביים יידיש־לימוד אָדער צוגרייטונגען צו פייערונגען פון יידישע יום־טובים.

לויט דער מיינונג פון ספּעציאַליסטן שטייט דער שול־ און קינדערגאָרטן־פּראָגראַם אויף אַ ניוואָ, וואָס קען זיך גלייכן מיט אַן ענלעכן פּראָגראַם אין ענגלישן ראַדיאָ. איז אויך נישט קיין וואונדער, אַז מיר קריגן פּילצאָליקע אָפּרופן פון דערוואַקסענע צוהערער, וועלכע האָבן אַ גרויסע הנאה.

אַ גאָר ווערטפולער ביישטייער צו דעם קינסטלערישן ניוואָ פונעם פּראָ־גראַם גיט דאָס געזאַנג פון חנה מראָצקי מיט דער באַגלייטונג פון איר גיטאַרע און לייבל מראָצקיס קלאַרנעט.

ביים לעצטן באַזוך פון פּר׳ רינגעלבלום אין ישראל האָט ער אָנגעקניפּט אַן ענגערן קאָנטאַקט מיטן יידיש־אָפּטייל פון ראַדיאָ קול־ישראל, וואו ער איז אויפגעטראָטן און עס זענען דאָרט אויך געהערט געוואָרן חנה מראָצקיס לידער.

אַ ספּעציעלן דאַנק פאַר זייער ביישטייער אין לויף פון יאָר צום יידישן ראַדיאָ קומט די פריינד יצחק קאַהאַן, ד״ר מ. פערשטענדיק, שמואל ראָזענ־קראַנץ און אהרון אחרון חביב, דאַניעל גריפּענבערג־חר״ג, פאַר איר פיינעם קינסטלערישן פאָרלייענען יידישע שאַפונגען, אין די פּרייטיק־פּראָגראַמען (וואָס זענען אויך געהערט געוואָרן אין „קול ישראל״).

עס איז בלי שום ספק, אַז יידיש־ראַדיאָ דרינגט היינט אַריין אין טויזנ־טער יידישע היימען, בפרט אויך אַזעלכע, וואו יידיש איז פריער געווען פרעמד — און דאָס איז געוואָרן איינע פון אונדזערע וויכטיקסטע קולטור־פּאָזיציעס.

## „קדימה״־אונטערנעמונגען אין 1979

1) 28.1.79 — ישראל־פילם „מיין מייקל״.
2) 4.2.79 — ישראל־פילם „מיין מייקל״.
3) 11.2.79 — ישראל־פילם „איך האָב ליב מייק״.
4) 18.2.79 — ישראל־פילם „איך האָב ליב מייק״.
5) 25.2.79 — פּרעמיערע פון דעם ישראל־פילם „ס׳וועט זיין גוט״ — ערשטע טייל פון „סאַלאָמאָניקאָ״ מיט ראובן בר־יותם.
6) 4.3.79 — 2־טער יידישער פאָלקס־פעסטיוואַל מיט דער באַטייליקונג פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, 6 מוזיקאַל־אינסטרומענטאַלע גרופּעס, סאָלאָס, יידי־שע און העברעאישע לידער, חסידישע, טראַדיציאָנעלע און ישראל טענץ. פייערלעכע עפענונג פון לאָרד מאַיאָר אירווינג ראָקמאַן. קאָנפעראַנ־סיער: יאַשאַ שער. צייט: 2.30 נ״מ ביז 6.00 אָוונט. אַרום 3,500 מענטשן געקומען צום יידיש־פעסטיוואַל.
7) 4.3.79 — ישראל־פילם „ס׳וועט זיין גוט״.

# די ראַדיאָ־קאָמיסיע

אַלס רעזולטאַט פון אונדזערע באַמיאונגען ביי דער אָנפירונג פון דער עטנישער ראַדיאָ-סטאַציע „3-אי-עי" איז אונדז געלונגען צו פאַרטאָפּלען די צייט-צוטיילונג פאַר יידישע פּראָגראַמען.

זינט דעם 19-טן מערץ 1979 ווערן יידישע פּראָגראַמען געגעבן אין די פאָלגנדיקע טעג:

זונטיק, 10.15-10.00 פרי — קאַלעידאָסקאָפּ (אין ענגליש)
זונטיק, 10.30-10.15 פרי — עברית-ענגלישער פאַרווײלונגס-פּראָגראַם.
זונטיק, 11-10.30 פרי — יידיש פאַרווײלונגס-פּראָגראַם (יאַשאַ שער)
מאָנטיק, 5.30-5 נ.מ. — עברית-נייעס און מוזיק.
מאָנטיק, 6-5.30 נ.מ. — יידיש יוגנט-פּראָגראַם.
מיטוואָך, 11.30-11 פרי — יידיש פאַר שול און קינדערגאָרטן.
מיטוואָך, 12-11.30 פרי — ישראל-מוזיק.

פרייטיק, 5-4.30 נ.מ. — יידיש נייעס, אינטערוויוען און ליטעראַטור (פּיניע רינגעלבלום).

פרייטיק, 5.30-5.00 נ.מ. — „שבת שלום" אין עברית און ענגליש, איינשליסלעך קאַלענדאַר פון אונטערנעמונגען פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מעלבורן.

וואָס שייך די פּראָגראַמען אין דער יידישער שפּראַך איז כדאי אונטערצושטרייכן די צוויי נייעסן: דאָס איז דער יוגנט-פּראָגראַם (מאָנטיק 5.30 נ"מ), וועלכער ווערט געגרייט און פּרעזענטירט דורך אַ גרופּע יוגנטלעכע אונטער דער אָנפירונג פון מייקל זילבערמאַן. די רעגולערע אָנטיילנעמער זענען: מרדכי דעמבינסקי, אסתר לוסטיק, יאָסל טיגעל, חיים פּינסקער, פריידע גאָלדבערג, הענרי נוסבוים און שמואל סלוצקי. אויסער דעם איז נאָך דאָ אַ גרופּע פון אַ 10 יונגע מענטשן, וועלכע באַטייליקן זיך פון צייט צו צייט.

די יוגנט-פּראָגראַמען האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פּאָפּולאַריזירן יידיש לשון און יידישן פאָלקלאָר צווישן נישט-יידיש-רעדנדיקער יוגנט. אוודאי העלפט מען זיך אַרויס מיט אַ ביסל ענגליש, כדי נישט אָפּצושרעקן די, וואָס פאַרשטייען לגמרי גאָרנישט.

פון דער אַנדערער זייט האָט דער ציקל „דאַטעס פון יידישן שרייבער-קאַלענדאַר" באַרייכערט דעם וויסן אפילו פון דער יידיש-רעדנדיקער יוגנט, וועגן די גרויסע אוצרות פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער עצם פאַקט, וואָס אַזאַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער טעטיקייט אַרום די ראַדיאָ-פּראָגראַמען — מיט רעציטאַציעס, ראַדיאָ-שפּילן, אויסצוגן פון דער יידישער ליטעראַטור און פאָרש-אַרבעט איבער יידישן פאָלקלאָר, איז שוין אַליין אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג. ווי געזאָגט, קומט די גרעסטע אָנערקענונג פאַר דער דערגרייכונג דעם יונגן און פעאיקן מייקל זילבערמאַן, וועלכער טראָגט אויס די גרעסטע לאַסט פונעם פּראָגראַם.

און ענגליש, ווי אויך יידישע טאָג און וואָכן-צייטונגען וועלכע דערשיינען אין דער וועלט.

צוזאַמען מיטן איינשטעלן באַקוועמלעכקייטן צום לייענען, וועט באַזונדערס אַכט געלייגט ווערן אויף צו זאַמלען מאַטעריאַלן, מיט וועלכע סטודענטן זאָלן זיך קאָנען באַנוצן.

די איינשטעלונג פון דער ביבליאָטעק איז צו דערמעגלעכן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג זיך צו באַנוצן מיט אירע מאַטעריאַלן. די אָנשטרענגונג גייט אין דער ריכטונג פון באַרייכערן די ביבליאָטעק מיט מאַטעריאַלן אין יידיש, העברעאיש און ענגליש.

מיט טרויער פאַרצייכענען מיר דעם פאַרלוסט פון דעם לאַנג-יאָריקן „קדימה"-ביבליאָטעקאַר יאַנקל קעסלער ע"ה, אָן וועמענס ענטוזיאַזם די ביבליאָטעק וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירן.

## באַריכט פון שאַך-קלוב ביי דער „קדימה"

דער שאַך-קלוב איז טעטיק צוויי מאָל אַ וואָך: שבת און זונטיק, ווי אויך פאַבליק האָלידייס, פון 2 נאָך מיטאָג ביז 7 אָוונט.

דער שאַך-קלוב ווערט גוט באַזוכט. פיל מאָל מוז מען נוצן דעם אויבערשטן זאַל, ווייל אַלע פלעצער זענען פאַרנומען אין שאַך-קלוב.

דעם יאָר זענען צוגעקומען 8 נייע מיטגלידער. פריינד טאַפּאָל האָט אָרגאַניזירט אַ פאַרמעסט פון די „קדימה" שאַך-שפּילער און די בעסטע פּרויען שאַך-שפּילער אין וויקטאָריע, און מיר האָבן אַלע שפּילן געוואונען· מיר האָבן נישט געהאַט קיין איין פאַרלוסט. פריינד טאַפּאָל האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט עטלעכע שאַך-קלובן אין וויקטאָריע. אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע זענען זיי דאָס יאָר פאַרנומען . מעגלעך אין יאָר 198 וועט געלונגען צו האָבן מיט זיי פאַרמעסטן.

עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז ביי אונדז אין „קדימה" האָבן מיר אַ יוגנטלעכן מיטגליד, 11 יאָר אַלט דזשאָן לאַנדאַו, וועלכער האָט דאָס יאָר געוואונען דעם ערשטן פּריז פאַר אונטער-12 יאָר שפּילער. מיר זענען שטאָלץ מיט אים און זענען פאַר, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גוטער שאַכיסט. הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אַ סך אַזעלכע יוגנטלעכע ווי ער.

מיר נעמען אָן נייע מיטגלידער· דער אָפּצאָל איז 7.50 דאָלער אַ יאָר פאַר דערוואַקסענע, און 5 דאָלער אַ יאָר פאַר יוגנטלעכע און פּענסיאָנערן.

ווי ס'איז שוין געמאָלדן געוואָרן אין די פריערדיקע באַריכטן, נעמען מיר אָן אָנפאַנגער צו לערנען יעדן זונטיק פון 2 נאָכמיטאָג, אָן שום אָפּצאָל.

דער פאָרזיצער פון שאַך-קלוב איז פר' מ. טאַפּאָל.

העריקן חלק פון דערפאָלג. די הויפּט-זאַך אָבער איז, אַז פון דעם קאָנטאַקט מיט די אַנדערע זינגער און דיריגענטן האָבן מיר זייער פיל געלערנט און דאָס וועט אונדז זיין אַ ביישטייער פאַר אונדזער ווייטערדיקער אַרבעט.

נאָך אונדזער צוריקקומען פון ישראל האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן אונדזערע אַקטיוויטעטן: צו גרייטן דעם יערלעכן קאָנצערט, וועלכער איז פאַרגעקומען דעם 25-טן נאָוועמבער. מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט אַ טאַנץ-אָוונט (8.12.79) צום פאַרענדיקן דאָס יאָר. דעם 12-טן דעצעמבער זענען מיר אויפגעטראָטן אין די מאָנטעפיאָרע היימען אויף אַ חנוכה-אָוונט איינגעאָרדנט דורך דעם בני-ברית.

דער קאָמיטעט פון כאָר באַשטייט פון: חיים גאָלדבערג, פּרעזידענט; שרה פעל, סעקרעטאַרין; משה ראַבינאָוויטש, קאַסירער; ל. בן-פּרת, ח. קעלמאַן, א. מאשעל, ש. פעל, ר. פּאָדעמסקי, ס. פּאָרטעק, ס. ראַבינאָוויטש, י. רינדע און ה. סוכעצקי. דיריגענט איז אַדריאַן באַרטאַק; פּיאַניסטין מירים ראָכלין.

## די „קדימה"-ביבליאָטעק

אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער ביבליאָטעק וועלכע וועלן, האָפנטלעך, דערמעגלעכן בעסער אויסצונוצן אירע רעסאָרסן. די יידישע און ענגלישע ביכער זענען געוואָרן אָפּגעטיילט. די ענגלישע ביכער און זשורנאַלן געפינען זיך אויפן ערשטן שטאָק, און באַקוועמלעכקייטן צום לייענען זענען געוואָרן איינגעשטעלט.

ענגלישע אָפּטיילונג:

די ביבליאָטעק האָט איינגעקויפט אַרום 100 ביכער. זייער אינהאַלט נעמט אַרום: חורבן-פּעריאָד, יידן אין דער פאַרמלחמהדיקער אייראָפּע, יידישע ליטעראַטור און יידן אין אויסטראַליע. צווישן זיי זענען אויך דאָ פּראָזע ביכער פון באַקאַנטע ענגליש-יידישע שרייבער.

מיר באַמיען זיך, אַז די ביבליאָטעק זאָל פאַרמאָגן אַ קאָמפּלעטע זאַמלונג פון ביכער, אויף די אָנגעמערקטע טעמעס, ווי אויך יעדער אַנדער געביט פאַר וועלכן די יידישע געזעלשאַפט וועט אַרויסווייזן אינטערעס.

די ביכער זענען געוואָרן קאַטאַלאָגירט און מען קאָן זיי לייכט געפינען. אַ רשימה פון נייע ביכער ווערט פאַרעפנטלעכט יעדע דריי חדשים און מען קאָן זיי באַקומען אין ביליאָטעק.

יידישע אָפּטיילונג:

די רעאָרגאַניזאַציע פון יידישן טייל האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דער ציל איז: איינצושטעלן די ביכער לויט זייער אינהאַלט (בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, עסייאיסטיק, חורבן-ליטעראַטור). אַ געוויסע צאָל ביכער זענען שוין קאַטאַלאָגירט געוואָרן. די אַרבעט וועט וואַרשיינלעך פאַרענדיקט ווערן אין משך פון יאָר 1980.

אַלע ניי-דערשינענע יידישע ביכער ווערן איינגעקויפט. אין לייען-זאַל ביי דער ביבליאָטעק קאָן מען אויך באַקומען פאַרשידענע זשורנאַלן אין יידיש

לײדער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז צו ווייניק צײַט איז געבליבן צוצוגרייטן די דאָזיקע אונטערנעמונגען און דער עיקר: עס איז שווער געווען צוצוקלייבן דעם געהעריקן גאַסט-רעזשיסער, וועלכער זאָל אין זיין רעפּער-טואַר האָבן אַ צוגעפּאַסטע פּיעסע פאַר אַזאַ געלעגנהייט און וועלכער זאָל עס קאָנען מיטן טעאַטער שטעלן.

דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערטראָגן די גרויסע פייערונג אויף 1980 און פאַראייניקן זי מיט דער אַלגעמיינער פייערונג פון 100 יאָר יידיש טעאַטער.

דער דוד הערמאַן טעאַטער האָט טעכניש צוגעהאָלפן צו די אויפטריטן פון אַרטיסטן-פּאָרל דבורה ראָזענבלום און נחום מעלניק (פון אַמעריקע), און אויך אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע „קדימה" אונטערנעמונגען, ווי אויך פאַרא. שטאַלטונגען פון אַנדערע אינסטיטוציעס.

במשך פון יאָר האָט דער טעאַטער-קאָלעקטיוו געהאַט אַ ריי צונויפ-קומען, פאַמיליע-אָוונטן און דער טעאַטער-קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן עטלעכע זיצונגען.

דער טעאַטער-קאָמיטעט באַשטייט פון די פאָלגנדיקע חברים: י. האָבער-מאַן, זיידענבערג, ש. טיגעל, ר. לעוויטאַ, ל. צוקער, מ. צעפּראָוו, מ. שמערלינג און י. שער.

## באַריכט פון „הזמיר"-כאָר

דאָס יאָר 1979 איז געווען פאַרן כאָר זייער אַקטיוו און פּרוכטבאַר. מיר האָבן עס אָנגערופן „דאָס יאָר פון דער זמריה". אונדזער גאַנגע אָנ-שטרענגונג איז געווען געוואונדן צו מאַכן אונדזער אָנטייל אין דער „זמיריה" אַ דערפאָלג.

אָנהויב יאָר האָבן מיר אָנטיילגענומען אין דעם יידישן „מומבאַ"-פעס-טיוואַל אין די טרעזשורי-גאַרטנס (4.3.79), אויך אין דער וואַרשעווער געטאָ-אַקאַדעמיע אין מעלבורנער טאַון-האָל (32.4.79). מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ קולטור-מוזיקאַלישן פאַמיליע-אָוונט אין קאָמונאַל-זאַל פון דער טורעק-שול (10.2.79).

כדי צו זאַמלען פאָנדן פאַר אונדזער רייזע קיין ישראל, האָבן מיר איינגעאָרדנט צוויי טאַנץ-אָוונטן אין דער „קדימה" און מיר האָבן אויך דורכ-געפירט אַ ראַפל.

דער אָנטייל אין דער 11-טער „זמריה" אין ישראל איז געווען די גרעסטע דערגרייכונג פאַר דעם „הזמיר"-כאָר. די „זמריה איז פאָרגעקומען אין בית-ברל צווישן דעם 2-טן און 16-טן יולי. די קאָנצערטן זענען פאָרגע-קומען אין פאַרשידענע טעאַטערן און קאָנצערט-זאַלן אין די שטעט, ווי אויך אין די קבוצים איבערן גאַנצן לאַנד. מיר האָבן אָנטייל גענומען אין קאָנצערטן אין כפר סבא, אין הירקון פּאַרק אין תל-אביב, אין בניני האומה אין ירושלים, אין יוספסטאַל און אין בית ברל, ווי אויך אין די קבוצים: עין-שמר, אפק און מצובה. אין די אַלע אויפטריטן האָבן מיר געטיילט די בינע צוזאַמען מיט וועלט-באַרימטע כאָרן און דיריגענטן און יעדעס מאָל געהאַט אונדזער גע-

נאַנסיעלע באַזע, כדי דעם זשורנאַל אויסצובורייטערן און פּאַרפּעסטיקן זיין עקזיסטענץ.

עס איז אונדז אויך נישט געלונגען אויפצולעבן דעם יוגנט-טעאַטער, וועלכער האָט איין זיין בלי-צייט אַרויסגערופן אַנזען און האָפענונג און פון וועלכן מיר האָבן דערוואַרט אַז דער טעאַטער וועט זיין אַ וויכטיקע קולטורעלע דערגרייכונג לטובת אונדזער ישוב.

אונדזערע באַמיאונגען אַריינצוציען אין דער „קדימה"—אַרבעט און אַקטי־וויזירן אַ גרעסערע צאָל יונגע מענטשן, זיי זאָלן ווערן אַ טייל פון דער „קדימה" אָנפירונג, האָט דערווייל קיין דערפּאָלג נישט געהאַט. מיר האָבן אָבער די האָפענונג נישט אויפגעגעבן.

## דער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער"

דער ערשטער נומער פון זשורנאַל איז דערשינען אין דעצעמבער 1975, דער 20-טער נומער — דעצעמבער 1979. דער זשורנאַל איז אַ צוויי-שפּראַכי־קער (יידיש און ענגליש). דורך דעם ווילן מיר געבן אַ מעגלעכקייט יונגע מענטשן וואָס קאָנען נישט קיין יידיש, אָבער האָבן אַן אינטערעס פאַר יידישער פּראָבלעמאַטיק — צו געבן אַ טריבונע, וואו זיי זאָלן קאָנען קומען צום וואָרט.

די אויפגאַבע וועלכע דער זשורנאַל האָט זיך געשטעלט: דערמעגלעכן יידישע שרייבער זיי זאָלן פאַרעפנטלעכן זייערע שאַפונגען, קאָמענטאַרן און רעאַגירן אויף יידישע און אַלגעמיינע פראַגן.

די רעדאַקציע באַשטייט פון: מ. אייזענבוד, י. אָרבאַך, ס. בורשטין, י. מ. לעווין, פ. רינגעלבלום. אַדמיניסטראַטאָר איז וו. יאַבלאָנסקי.

דער היינטיקער באַריכט נעמט אַרום 4 נומערן (אַפּריל-דעצעמבער 1979). די אַלגעמיינע צאָל זייטן פון די 4 נומערן באַטרעפן 192.

אין די 4 נומערן האָבן זיך געדרוקט די אַרבעטן פון: מ. אייזענבוד, ד"ר מ. פערשטענדיק, י. אָרבאַך, י. מ. לעווין, וו. יאַבלאָנסקי, ח. ליבערמאַן, לאה זילבער, מאיר זייבל, ד"ר ע. נאַקס, חיים מאַלטינסקי, י. זעמעל, ב. ווינער, סעם ליפּסקי, ל. פרידמאַן, משה קולבאַק, דוד מאַטיס, גוטער גאָלדבערג, י. קערש, שרה שבת, י. ראַפּאַפּאָרט, יאַני פיין, ר. בערלינער, ד"ר אליהו שולמאַן, מאַרק אָליפאַנט, ש. בענעט, פּראָפ. סאָל ליפּצין, לוי שאַליט, סטעפאַ ראַבינאָ־וויטש, שילער פון נײַנטן קלאַס שלום-עליכם שול.

די ענגלישע אָפּטיילונג רעדאַגירט ד"ר סערזש ליבערמאַן. די פּאַראַינ־טערעסירונג אין אויסלאַנד מיטן זשורנאַל איז אַ באַדייטנדיקע. מיר קריגן צוגעשיקט מאַנוסקריפּטן פון אויסלאַנד, אָבער צוליב מאַנגל אין פּלאַץ (דער באַגרענעצטער בודזשעט) קאָנען מיר זיי נישט אויסנוצן.

## באַריכט פון דוד הערמאַן טעאַטער

דאָס יאָר 1979 איז געווען פּלאַנירט אַדורכצופירן דעם 70-טן יובל פון יידיש-טעאַטער אין מעלבורן. עס איז געווען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ חודש פייערונגען אין וועלכע עס האָבן געזאָלט אַריין: אַ גרויסע טעאַטער־אויסשטעלונג, אַן אַקאַדעמיע, אַ באַנקעט און אַ טעאַטער-אויפפירונג.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער „קדימה"-ביבליאָטעק האָבן מיר דאָס יאָר אין דער אָנפירונג און אָרגאַניזאַציע פון דער ביבליאָטעק אַ יונגן מענטשן מיט אַקאַדעמישער בילדונג — אַ ספּעציאַליסט פאַר ביבליאָטעקן אָרגאַניזאַציע, פירונג, אַנטוויקלונג. אַ דאַנק דעם איז די יודאַיקאַ-אָפּטיילונג (ענגליש) צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער באַדערפעניש פון פאָרשן, שטודירן. אין דער ענגלישער אָפּטיילונג געפינט זיך אַ שטודיר-צימער וואו מען קאָן אַרבעטן.

מיר האָבן איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט די סאָוויעטיש-יידישע אימי-גראַנטן, און זיי האָבן די מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט די איינריכטונגען פון „קדימה" (קינאָ-זאַל, ביבליאָטעק, זיצונגס-זאַל). די פאַרבינדונג וועט זיך אויסברייטערן אויף יידיש-לעקציעס, איינגלידערונג ווי „קדימה"-מיטגלידער; דערנענטערונג צו די יידישע פּראָבלעמען פון אונדזער ישוב. די אַלע פראַגן ווערן דיסקוטירט צווישן דעם עקזעקוטיוו מיט דער אָנפירערשאַפט פון קלוב פון סאָוויעטישע יידן.

מיר שטייען אויף דער וואַך, וואָס שייך יידישער קולטור-שעפערישקייט. אונדזער אינטערווענץ (און קאָרעספּאָנדענץ) ביי פאַראַנטוואָרטלעכע מלוכה-מענער פון ישראל, האָט געהאָלפן דעם אַנסאַמבל „אנחנו כאן", אין דער אַרבעט.

אין יאָר 1979 האָבן מיר צום צווייטן מאָל דורכגעפירט אַ גראַנדיעזן יידיש-קאָנצערט אונטערן פרייען הימל (אין טרעזשורי-גאָרטן) אין די ראַמען פון „מומבאַ"-פייערונגען. אַלע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם פעסטיוואַל מיט געזאַנג, טענץ, מוזיקאַלישע אינסצעניזירונגען. דאָס יידי-שע ליד האָט הויך געקלונגען איבערן גאָרטן, און ס'האָבן זיך צוגעהערט טויזנטער מענטשן — יידן ווי נישט-יידן.

די יערלעכע בילדער-אויסשטעלונג פון יידישע קינסטלער אין לעאָ פינק-זאַל איז דורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג. יידישע קינסטלער, מיט אַ באַ-דייטנדיקער רעפּוטאַציע אין לאַנד, ווי אין אויסלאַנד האָבן געהאַט די באַדער-פעניש אויסצושטעלן זייערע שאַפונגען אין „קדימה".

די יידישע ראַדיאָ-פּראָגראַמען (עטנישע ראַדיאָ), אָנגעפירט פון אָנגע-וועגע „„קדימה"-טוער, האָבן דערוואָרבן פאַר יידיש טויזנטער צוהערער· די פּראָגראַמען זענען אויסגעברייטערט געוואָרן און מיר האָבן היינט: אַ פּראָגראַם פאַר קינדער (מיטוואָך פרי)· יוגנט-פּראָגראַם (מאָנטיק אָוונט) און די פריער-דיקע אוידיציעס: פרייטיק אָוונט און זונטיק פרי. די עטנישע ראַדיאָ-פּראָ-גראַמען האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער פּאָזיטיווער באַציאונג פון דער אויס-טראַלישער רעגירונג צו נאַציאָנאַלע קולטורן פון די פאַרשידענע עטנישע גרופּן וועלכע וואוינען אין אויסטראַליע.

מיר מוזן אין באַריכט אויך באַטאָנען, אַז וויכטיקע פאַרמעסטן פון קול-טורעלן כאַראַקטער האָבן — צום באַדויערן נישט באַקומען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג און אונטערשטיצונג ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט קריגן. אַזוי צום ביי-שפּיל: דער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער", וועלכער עקזיסטירט שוין 4 יאָר און פון וועלכן עס זענען שוין דערשינען 21 נומערן. דער זשורנאַל האָט אַ גוטן נאָמען אין אויסלאַנד, ווי אויך אין מעלבורן, צווישן יידישע קולטור-מענטשן. דאָך איז דער „קדימה" נישט געלונגען צו שאַפן אַ געזיכערטע פי-

# באַריכט פון 68־טן טעטיקייט־יאָר

אין משך פון איר עקזיסטענץ (זינט 1911) איז די „קדימה" תמיד גע־שטאַנען מיטן פּנים צו דער יידישער ווירקלעכקייט און רעאַגירט אויף געשעע־נישן אין יידישן לעבן.

הגם מיר וואוינען ווייט פון קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, פילן מיר זיך אָבער ענג פאַרבונדן מיט זיי, און מיט די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק.

אונדזער קולטור־פאַרבינדונג מיטן ישראלדיקן ישוב און יידיש־טעטי־קייטן אין דער מדינה האָבן מיר דורך אַבאָנירן אַלע צייטונגען און זשורנאַלן וועלכע דערשיינען דאָרט. זיי געפינען זיך אין לייען־זאַל פון דער ביבליאָטעק.

פאַריקן יאָר האָט אונדזער שאַך־קלוב אָנטייל גענומען אין דעם שאַך־טורניר פון יידישע שאַך־קלובן, וואָס איז פאָרגעקומען אין ישראל. דאָס יאָר האָט דער „הזמיר"־כאָר אָנטיילגענומען אין דער „זמריה" — די אינטערנאַ־ציאָנאַלע פאַרמעסטונג פון כאָרן — אין ישראל.

פאָרשטייער פון „קדימה" (פּר׳ ב. ווינער) איז וויצע־פּרעזידענט פון וועלט ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור אין ישראל, און באַטייליקט זיך פּער־מאַנענט אין די עקזעקוטיוו־זיצונגען.

אויך מיט אַנדערע טיילן פון דער יידישער צעשפּרייטקייט האָבן מיר זינט יאָרן איינגעשטעלט אַן ענגן קאָנטאַקט דורך אַראָפּברענגען לעקטאָרן און אַבאָנירן צייטונגען און זשורנאַלן.

צוויי וויכטיקע געשעענישן זענען דעם לעצטן יאָר געשטאַנען אין צענטער פון פאָלקס־לעבן: דער שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און עגיפּטן און די עליה פון סאָוויעטישע יידן.

אונדזער באַציאונג צו בײדע געשעענישן האָבן מיר אויסגעדריקט אין פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַל, וועלכן די „קדימה" גיט אַרויס — „מעלבורנער בלעטער".

כדי אונטערצושטרייכן אונדזער פאַרבינדונג מיט דעם פאַקט פון עליה פון סאָוויעטישע יידן און זייער פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל און מיט דער יידישער קולטור — האָט די „קדימה" איינגעלאַדן דעם סאָוויעטיש־יידישן דיכ־טער יוסף קערלער וועלכער לעבט אין ירושלים און איז דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „ירושלימער אַלמאַנאַך". זיינע רעפעראַטן האָבן אונדז איבערגעגעבן די שטימונג, די אַטמאָספער און די באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳קומט אויס צו לעבן יידן בכלל, און שרייבער בפרט.

אין די ראַמען פון אונדזער טעטיקייט האָט היי יאָר באַזוכט מעלבורן דער באַקאַנטער אַרטיסט מייק בורשטין. בורשטינס פּראָגראַמען זענען פאָלקס־טימלעך, נאַציאָנאַל און פיינער הומאָר.

דער היסטאָרישער מאָמענט אין דער יידישער קולטור־געשיכטע: דאָס צוטיילן די נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור דעם שרייבער יצחק באַשעוויס־זינגער, איז אין מעלבורן אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט אַ פייערונג, איינגעאָרדנט פון בני־ברית און „קדימה". די פייערונג האָט צוגעצויגן אַ גרויסן און פאַר־שידנאַרטיקן עולם.

## יידישער קולטור־צענטער
## און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
## אין מעלבורן

---

### אַמטן אין יאָר 1979

מר. י. שער, דזשיי-פּי — פּרעזידענט.

מר. ב. ווינער — געוועזענער פּרעזידענט.

מר. י. אָרבאַך — וויצע־פּרעזידענט.

מר. ס. בורשטין — וויצע-פּרעזידענט.

מר. מ. אייזענבוד — ערן-סעקרעטאַר.

מרס. ה. ראָזענבוים — ערן-קאַסיר.

מרס. ר. בוטלינסקי — געהילף פון ערן-קאַסיר.

מר. י. אָרבאַך — פאָרזיצער פון דער קולטור-קאָמיסיע.

מר. מ. אייזענבוד — פאָרזיצער פון דער רעדאַקציע-קאָלעגיע „מעלבורנער בלעטער".

מרס. ר. בלושטיין — פאָרזיצער פון דער ביבליאָטעק-קאָמיסיע.

מר. ח. בראָון — פאָרזיצער פון דער רעווידיר-קאָמיסיע.

מרס. ר. לעוויטאַ — פאָרזיצער פון דער ווירטשאַפט-קאָמיסיע.

מרס. אַ. באַסראַך — מר. פּ. קרישטאַל

מר. ה. בורשטין — מר. פּ. רינגעלבלום

מר. ק. געטלער — מר. מ. ראַבינאָוויטש

מר. י. געטלער — מר. מ. טאָפּיאָל

מרס. ל. גאָטליב — מר. ש. וואָלסקי

מר. וו. יאַבלאָנסקי

ערן-אַדוואָקאַט — ש. וואָלסקי, לל.ב.

סעקרעטאַר — מרס. י. וואַרשאַווסקי.

ביבליאָטעקאַר — מרס. ר. בלושטיין.

פאַרוואַלטער — מר. ש. טיגעל.

# יידישער קולטור־צענטער
# און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק
# „קדימה"

גענרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

9 גאָרדאָן סטריט, עלסטערנוויק
7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק

KADIMAH קדימה

## 68־טער טעטיקייט־באַריכט

### פאַרן יאָר 1979

און

## קאַסע־באַריכט

פאַר דער צייט

פון 1־טן יאַנואַר 1979 ביזן 31־טן דעצעמבער 1979

---

מעלבורן, אויסטראַליע מערץ 1980